# תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א - בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

קרית יואל - בני ברק


# פניני השבוע

## פרשת לך לך


כיתה ב' (א-ב)

הר"ר מאיר חיים שישא הי"ו

הר"ר משה ברוך כץ הי"ו

# אינהאלט פון די וואך

מיר האבן פארציילט באריכות ווי אזוי אברהם אבינו איז געבוירן און ווי אזוי ער האט מפרסם געווען פאר יעדן איינעם אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט, אין אנהייב האט ער זיך געביקט צו די זון און די לבנה און נאכדעם האט ער געפארשט ווער ס'איז דער באשעפער אויף די וועלט און ווען ער האט אנטדעקט אז דער אייבישטער איז דער באשעפער אויף די וועלט האט ער עס פארשפרייט פאר אסך מענטשן.

מיר האבן אויך פארציילט אז אברהם אבינו האט פארקויפט זיין טאטנ'ס געטשקעס, און ווען עס זענען געקומען מענטשן קויפן האט ער זיי געוויזן די עבודה זרה'ס אז זיי קענען נישט זעהן און הערן א.א.וו., און זיי קענען גארנישט העלפן.

מיר האבן אויך פארציילט אז אברהם האט צובראכן די געטשקעס פון זיין טאטע תרח, און נמרוד האט אים אריינגעווארפן אין די קאלעך אויוון, און עס איז געשעהן א נס און עס איז אים גארנישט געשעהן ער איז נישט געווארן פארברענט אין זכות פון זיין בטחון אין באשעפער, און אלע האבן געזעהן אז עס איז דא א באשעפער אויף די וועלט.

אברהם אבינו האט מגייר געווען די מענער און שרה האט מגייר געווען די פרויען.

**<u>עשרה נסיונות</u>**

דער אייבישטער האט אויספראבירט אברהם אבינו מיט צען נסיונות צו זעהן ווי שטארק איז זיין אמונה אין באשעפער, און עטליכע נסיונות שטייט די וואך אין די פרשה.

א. דער אייבישטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו "לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך" און אברהם האט זיך נישט אפגערעדט אויף דער אייבישטער נאר ער איז געגאנגען מיט שרה און מיט לוט און מיט אלע מענטשן וואס ער האט מגייר געווען און ער איז אנגעקומען קיין ארץ כנען,

און ער איז געווען דארט זייער חשוב און אלע זענען געקומען צו איהם נעמען פון אים ברכות.

ב. ויהי רעב בארץ - ווען ער איז געווען אין ארץ כנען איז געווארן א הונגער און מ'האט געדארפט אוועק גיין פון דארט און אוועק גיין קיין מצרים און אברהם האט זך נישט אפגערעדט אויף דער אייבישטער.

## לקיחת שרה

ג. מיר האבן פארציילט ווי אזוי אברהם אבינו האט באהאלטן שרה אין א קאסטן ווייל ער האט מורא געהאט אז מ'וועט איהר צונעמען צו פרעה און מ'וועט אים הרג'ענען, און צום סוף האט מען איהר געכאפט און געטראגן צו פרעה אבער דער אייבישטער האט געשיקט א מלאך פון הימל וואס האט געגעבן קלעפ פאר פרעה און פרעה האט האט שנעל גערופן אברהם אז ער זאל קומען נעמען שרה און ער האט אים געגעבן אסאך מתנות.

## הליכה לסדום ולא"י

נאך וואס אברהם אבינו האט באקומען פון פרעה צאן מיט בקר, האט אויסגעבראכן א קריג צווישן די פאסטעכער פון אברהם און די פאסטעכער פון לוט, די פאסטעכער פון לוט האבן געפאשעט מיט זייערע שעפעלעך אין פרעמדע פעלדער און זיי האבן עובר געווען אויף די איסור פון גזל, און די שאף פון אברהם האבן געהאט א צוים אויף די מויל אז זיי זאלן נישט קענען פאשען אין פרעמדע פעלדער.

ד. אברהם איז צוריק צוזאמען מיט לוט קיין ארץ ישראל, און לוט איז געגאנגען קיין סדום א פלאץ פון רשעים, אין סדום איז געווען א מלחמה און די גוים האבן געכאפט לוט און עוג מלך הבשן איז געקומען פארציילן פאר אברהם אז מ'האט צוגעכאפט לוט און אברהם האט גענומען אליעזר און זיי זענען ארויס צוזאמען צוריק צו ברענגען לוט, אברהם מיט אליעזר האבן

געווארפן זאמד מיט שטיינער אויף זיי און דער אייבישטער האט געמאכט א נס אז די זאמד איז איבער געדרייט געווארן אויף פיילן און שווערדן און אזוי זענען די גוים אנטלאפן און לוט איז ניצול געווארן.

## ברית מילה

דער אייבישטער האט געזאגט פאר אברהם אז ער וויל ער זאל מקיים זיין נאך א מצוה די מצוה פון ברית מילה, און אפילו אברהם אבינו איז שוין געווען זייער אלט האט ער מקיים געווען די מצוה וואס דער אייבישטער האט אים געהייסן, און אזוי האט ער געמאכט א ברית פאר אלע זיינע שטוב מענטשן, און פון דעמאלטס אן מאכט מען א ברית פאר יעדע קינד ביי די אכטע טאג.

## הוספת אות לשמו של אברהם ושרה

דער אייבישטער האט צוגעלייגט פאר אברהם נאך א אות אויף זיין נאמען, אנשטאט "אברם" האט מען צוגעלייגט די אות ה' און זיין נאמען איז געווארן "אברהם", און פאר "שרי" האט מען געטוישט אנשטאט די אות י' א ה' און מ'וועט איהר רופן "שרה".

## דבר בעתו

דאנערשטיג נאכט האט מען אנגעהויבן צו זאגן "ותן טל ומטר לברכה" און מ'בעט פון דער אייבישטער אז ער זאל אונז געבן רעגן, און די גרעסטע חסד וואס דער אייבישטער מאכט מיט אונז איז דאס וואס אונז האבן מיר וואסער צו טרינקען, און אזוי אויך וואקסן פון די רעגן פירות מיט ירקות און אויך די ברויט וואס מיר עסן איז פון די ווייץ וואס וואקסט פון די רעגן, און דער אייבישטער וויל אז אונז זאלן מיר דאווענען און בעטן צו אים וועגן דעם בעטן מיר יעדן טאג "ותן טל ומטר לברכה".

# שאלות מיט תשובות

**א. וועלכע פרשה גייט די וואך?**

לך לך.

**ב. אברהם אבינו איז געווען גלייך א איד?**

ניין, פון אנהייב האט ער זיך געביקט צו די זון און די לבנה און נאכדעם האט ער געקענט דעם באשעפער.

**ג. ווי אזוי האט אברהם אבינו פארשעמט די געטשקעס?**

ווען א מענטש איז אריין געקומען אין געשעפט האט ער אים געזאגט ווי אזוי קויפסטו די געטשקע דאס קען דאך גארנישט העלפן.

**ד. ווער האט מגייר געווען די מענטשן?**

אברהם אבינו האט מגייר געווען די מענער און שרה האט מגייר געווען די פרויען.

**ה. וויפיל נסיונות האט דער אייבישטער אויספראבירט אברהם אבינו?**

צעהן נסיונות.

**ו. ווען דער אייבישטער האט געזאגט פאר אברהם זאל אוועק גיין פון זיין לאנד איז ער גלייך געגאנגען?**

יא, ער איז געגאנגען גלייך אן פרעגן שאלות.

**ז. אברהם אבינו איז געווען חשוב דארט?**

יא, אלע זענען געקומען צו אברהם צו נעמען פון אים ברכות.

**ח. פארוואס האט ער באהאלטן שרה?**

ווייל ער האט מורא געהאט אז פרעה וועט איהר צוכאפן.

**ט. און צום סוף האט ער איהר גענומען?**

יא.

**י. שרה איז געבליבן ביי פרעה?**

ניין.

**יא. פארוואס?**

דער אייבישטער האט געשיקט א מלאך פון הימל וואס האט געגעבן קלעפ פאר פרעה אז ער זאל צוריק געבן שרה.

**יב. פון וואו האט אברהם געהאט שאף?**

פרעה האט איהם געגעבן אסאך שאף און רינדער נאך וואס ער האט אים צוריק געגעבן שרה.

**יג. פארוואס האבן זיך די פאסטעכער פון לוט און די פאסטעכער פון אברהם געקריגט?**

ווייל די פאסטעכער פון אברהם האבן נישט געלאזט די שאף פאשען אין פרעמדע פעלדער און די פאסטעכער פון לוט האבן יא געלאזט.

**יד. ווי אזוי האט אברהם אבינו מלחמה געהאלטן מיט די פיר קעניגן צו ראטעווען לוט?**

אברהם מיט אליעזר האבן געווארפן זאמד מיט שטיינער און עס איז איבער געדרייט געווארן אויף פיילן און שווערדן און אזוי זענען זיי אנטלאפן און לוט ניצול געווארן.

**טו. וועלכע טאג מאכט מען א ברית?**

אין די אכטע טאג.

**טז. וועלכע אות האט מען צוגעלייגט פאר אברהם מיט שרה?**

פאר אברהם האט מען צוגעלייגט די אות ה' אנשטאט "אברם" וועט ער הייסן "אברהם", און פאר שרה האט מען געטוישט אנשטאט "שרי" וועט זי הייסן "שרה".

**יז. פארוואס בעט מען פון דער אייבישטער רעגן?**

כדי אונז זאלן מיר האבן וואסער צו טרינקען און וואסער צו באגיסן די פעלדער אז ס'זאל וואקסן פירות מיט תבואה.

# - כולל ענינים -

## סימן א. שויתי ה' לנגדי תמיד

א) דער שלחן ערוך הייבט זיך אן מיט די פיר ווערטער וואס דוד המלך זאגט אין תהלים: "איך האב השי"ת אלעמאל פאר מיר". אז א איד איז אלעמאל ביי דעם געוויסן, און פארגעסט דאס נישט, טוט מען קיינמאל נישט קיין זינד. אז פאר מענטשן שעמט מען זיך צו טאן א עוולה, ווער שמועסט פאר א אנגעזענעם מענטש, ווי נאך דארף מען זיך צו שעמען צו טאן א זאך וואס מען טאר נישט קעגן שופט כל הארץ, דער ריכטער פון די גאנצע וועלט, דער קעניג פון אלע קעניגן.

ב) השי"ת שטייט און קוקט צו צו די גאנצע אויפפירונג פון מענטש, יעדע באוועגונג, יעדעס ווארט און אפילו די מחשבה וואס א מענטש האט אינזינען און טראכט ווייסט אויך השי"ת, און מאנט דערויף חשבון, און בלייבט קיינעם גארנישט שולדיג סיי פאר מצוות, שכר באלוינונג, און סיי פאר עבירות אן עונש, אז מען טוט נישט תשובה. דערפאר איז די בעסטע סגולה ניצול צו ווערן פון שלעכצע מעשים, צו האבן פאר די אויגן די פיר ווערטער פון צופרי וועז מען עפנט די אויגן, ביז צום לייגן שלאפן, [אין ספר חובת הלבבות שער חשבון הנפש, אות י' שטייט א שיינע ערקלרונג אויף דעם].

## סימן ב. אפגיסן נעגל וואסער

ג) פאר'ן לייגן זאל מען געווארנט זיין זיך אנצוגרייטן נעגל וואסער נעבן די בעט. און אינדערפרי וויבאלד מען מאכט זיך אויף די אויגן זאגט מען מודה אני, מען לויבט און דאנקט השי"ת פאר'ן צוריק געבן די נשמה פריש און געזונט, און גלייך אפגיסן די הענט.

ד) מען גיסט זיך אפ קודם די רעכטע האנט, דערנאך די לינקע האנט, און ווידער די רעכטע, דערנאך די לינקע, אזוי דריי מאל יעדע האנט, עס איז דא וועך עס פירט זיך פיר מאל יעדע האנט.

ה) דער ספר אנרא דפרקא ברענגט פון רבי'ן ר' זושא זי"ע אז מען זאל נישט אראפ טרעטן מיט די פיס פון בעט פאר מען גיסט זיך אפ די הענט. אזוי פלעגט מען זיך טאקע צו פירן ביי ערליכע אידן אין הויז, אין אלע דורות. שוין קליינערהייט האט מען אזוי מחנך געווען דעס קינד, און מיט דעם איז מען געבליבן צוגעוואוינט אלע יארן. דאס ברענגט צו יראת שמים, אז מען לייגט זיך ווי א איד שטייט מען אויף ווי א איד. און אז מען שטייט אויף ווי א איד פירט מען זיך א גאנצן טאג ווי א איד.

ו) פאר מען גיסט זיך אפ נעגל וואסער טאר מען נישט אנרירן די אויגן נאז, אויערן און מויל. אויך טאר מען נישט אנרירן קיין עסנווארג אדער געטראנק פארן אפגיסן נעגל וואסער.

ז) אויך איז מסוגל צו יראת שמים ארויסצוטראגן דאס נעגל וואסער און בוודאי דארף מען קינדער צו דעם צוגעוואוינען אויך איבער אנדערע טעמים. כיבוד אב ואם, זויבערקייט. פיל מענטשן פירן זיך נישט צו זאגן קיין ברכה אדער אנדערע הייליגע ווערטער אקעגן די נעגל וואסער.

ח) מען זאל נישט פארזוימען ארויסצוטראגן דאס נעגל וואסער, און מ'טאר עס נישט אויסגיסן דארט וואו מענטשן גייען וויל עס איז א סכנה. אויב ס'האט זיך אומווילדיג אויסגעגאסן זאל מען דאס שנעל אפווישן.

## סימן ג. המפיל קריאת שמע

א) שלאפן איז פון די נייטיגסטע און געזונטסטע זאכן פארן מענטש. אז מען שלאפט געהעריג און גענוג ביינאכט איז מען דעם גאנצן טאג מער אויסגערוט און געזונט און שטארק.

ב) דעריבער דארפן די עלטערן נישט צו הייסן זיך לייגן שלאפן נאר וויבאלד די צייט קומט גייט מען אליין שלאפן אומגעהייסן.

ג) פאר ווען מ'לייגט זיך שלאפן גרייט מען זיך אן נעגל וואסער נעבן בעט, מען וואשט זיך די הענט, און מען ליינט קריאת שמע פון א סידור. און נאכן זאגן די ברכה 'המפיל' טאר מען נישט אויסרעדן. די ברכה "המפיל" איז די פאָר-ברכה פארן שלאפן, און "המעביר שנה" וואס מען זאגט צופרי ביי ברכת השחר איז די נאָך-ברכה.

ד) דאס אנטאן און אויסטאן דארף צו זיין בצניעות, איידל ווי עס פאסט אין א ערליכע אידישע הויז.

ה) עס איז געזונט זיך צו לייגן אויף די לינקע זייט, און אויפשטיין אויף די רעכטע זייט.

## סימן ד. רעכטע האנט

א) ביי א איד איז אלעמאל רעכטס קודם, ביים אנטאן זיך איז יעדעס בגד וואס מען טוט אן קודם די רעכטע האנט אדער פוס, און דערנאך די לינקע. אויך ביים אפוואשן זיך און באשמירן זיך איז אלעמאל קודם דאס רעכטע, אבער ביים אויסטאן איז פארקערט. קודם די לינקע און נאכדעם די רעכטע. ווייל דאס איז א כבוד פאר די רעכטע אז מען טוט עס שפעטער אויס, אויסער ביי צובינדן שיך בינד מען קודם דעם לינקן שוך און דערנאך דעם רעכטן.

ב) אויך עסן און טרינקען דארף מען מיט די רעכטע האנט. יעדע מצוה טוט מען מיט די רעכטע האנט. ערליכע אידן האבן נאך קליינערהייט זיך אזוי צוגעוואוינט אלעמאל אלעס נאר צו טאן מיט די רעכטע האנט.

# שאלות אויף כולל ענינים

**א. שויתי ד' לנגדי תמיד אויב מ'געדענקט אז דער אויבישטער איז אלע מאל נעבן איהם וואס מאכט עס ?**

ס'מאכט אז מ'זאל זיך שעמען צו טוהן א עבירה.

**ב. וואס גרייט מען אן נעבן בעט ווען מ'לייגט זיך שלאפן ?**

נעגל וואסער.

**ג. וואס האט דער גרויסער צדיק דער רבי ר' זושא געזאגט ?**

אז מ'זאל נישט אראפטרעטן מיט די פוס פון בעט פארן זיך אפגיסן נעגל וואסער.

**ד. וואס טאר מען נישט אנרירן פארן זיך אפגיסן נעגל וואסער ?**

די אויגן, נאז, אויערן און מויל, ווי אויך עסן אדער טרינקען.

**ה. וועלכע ברכה מאכט מען פארן שלאפן ?**

המפיל.

**ו. און וועלכע ברכה מאכט מען נאכן שלאפן ?**

המעביר שנה מעיני.

**ז. וועלכע זייט איז די חשוב'ע זייט ?**

די רעכטע זייט.

# נא לגזור דף זה ולשלוח בחזרה לת"ת ביום ראשון

הורים יקרים !

נא לאשר את הפרטים דלהלן אודות בנכם שיחיו ולציין על כל דבר הציון המתאים

**בני ____________________ ני"ן**

**השיב על שאלות פרשת השבוע: ____________________________**

**שאלות על כולל הענינים: ____________________________**

**ברכת המזון: ____________________________**

**התנהגות כללית: ____________________________**

**קר"ש שעל המיטה: ____________________________**

**התפלל: ____________________________**

**הערות: ____________________________**

**חתימת ההורים ______________________**

**ווער עס האט נאכנישט געשיקט 120 שקל**
**פאר די הוצאות פון די ווינטער זמן**
**זאל ביטע שיקן ווי שנעלער**